בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
פ'

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**מחלוקת - דאס נישט!**

**אנ"ש מטירהאוויצע**

**דריי מאל געזעגנט...**

**געקאכט ווי א לאקאמאטיוו**

**געטראגן די פאמעניצעס ביי ר' נתן'ען**

**חֲבוּר עֲצַבִּים**

**העולם ראוי שיתמהו...**

**המחלוקת שקירבה הסתלקות האריז"ל**

**פריער זעהט צו איר האט די מידות פון דעם בוים**

**דריי כיתות חסידים**

**קויף דיר א שערי ציון - וועט דיר ווערן לעכטיג!**

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו:

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המעם הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המעם הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש **2#** ואח"כ **79#**

©

כל הזכויות שמורות

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**(מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של **15$** עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מעם **347-232-7166 (1+)**

# פרשת דברים (ח"ב), תשל"ה

(טייפ מעם 91#)

## מחלוקת - דאס נישט!

אונזערע לייט פלעגן זאגן: 'דער רבי קען יעדן, אפילו דעם גרעסטן חוטא ופושע, אויסהאלטן און אים דן זיין לכף זכות! נאר וואס דען? מחלוקת - דאס נישט!' מחלוקת דאס נישט! ווי אזוי איר זענט, אבי קריגט זיך נישט, האלט זיך צוזאמען![א]

דאס איז אזא מין מכה - אז דאס חנפ'עט מען נישט קיינעם - אפילו דעם גרעסטן! מחלוקת דאס נישט!

❖

## אנ"ש מטירהאוויצע

עס איז געווען דארטן גדולים, צדיקים - דארטן אין טירהאוויצע, געוואלדיגע מענטשן, זייער עבודה קען מען גארנישט אויסמאלן. ר' נחמן טולטשינער האט אמאל געזאגט: 'ווי קום איך צו זייער עבודה? ווי קום איך צו זיי? נאר א עצה דארפן זיי מיך פרעגן!'

זיי זענען טאקע געווען געוואלדיגע עובדים, עס איז גארנישט געווען קיין מענטשליכע כוחות זייער עבודה און זייער צדקות! פאר זיך אליין האבן זיי געגעסן ברויט מיט קוואס, און זיי האבן אלץ אוועקגעגעבן, צדקה, צדקה!

(השואל: וואס איז 'קוואס'?) קוואס הייסט 'בארשט'! מען פלעגט פארקויפן פאר א גראשן א גלאז בארשט - דאס איז געווען די ביליגסטע משקה.

---

[א] עי' חיי מוהר"ן קפ"ז: קודם שיצא מברסלב לאומין להסתלק שם בעת שיצא מפתח הבית ולחוץ לעלות על העגלה עמד אצל המזוזה והניח ידו על המזוזה ענה ואמר להעולם: 'תראו להתקבץ יחד ולהתפלל יחד! כי אם תתפללו בכונה אולי תוכלו להמשיך אותי לכאן עוד הפעם'...

(אחד הנוכחים: מען זאגט דאך ׳ביליג ווי בארשט׳) **יא, דאס האט מען געגעבן פאר א גראשן! א ארעמאן האט געקויפט א האלבע גלאז פאר א האלבן גראשן, און פאר א גראשן האט מען געקענט איינטיילן פאר די פאמיליע אביסל בארשט מיט א שטיקל ברויט - דאס האט מען געגעסן.**

**זיי זענען געקומען אין אומאן** (אנ״ש מטיראוויצע, והיו מסתפקים עם) **גענומען קוואס מיט א שטיקל ברויט און געגעסן א סעודה - און מען האט געגעבן צדקה, מען האט געווארפן צדקות! עס איז דאך א געוואלד - זיי האבן דאך פארשיינט אונזער זאך, זיי האבן דאך פארשיינט אונזער זאך!**

❖

# דריי מאל געזעגנט...

ווען ר׳ נחמן טולטשינער איז געקומען קיין אומאן - עס איז געווען תרי״ד, עס איז נפטר געווארן דעמאלט דעם רבי׳נס טאכטער - אדל׳ע, זי איז נפטר געווארן תרי״ד. האט רבי נפתלי געזאגט צו ר׳ נחמן׳ען: ׳נחמן, דארטן אין א שטעטל נעבן טירהאוויצע האט זיך עפעס אנגעהויבן ׳דערווינגן׳ - דאס הייסט: ׳הייבן זיך!׳ - **׳פאר צו, פאר אדורך [- דארט!]׳.**

שוין, ער איז געקומען דארט - האט ער געטראפן דארטן די חברה; ר׳ סנדר (ואחיו) ר׳ לייבל, ר׳ יקותיאל, עס איז דארטן געווען א חברה. נו, האט ר׳ נחמן אנגעהויבן רעדן - ר׳ נחמן האט דאך געהאט א מויל, האט ער אנגעהויבן רעדן. זיי האבן אים געהאט א גאנצע וואך, זיי האבן אים נישט אפגעלאזט, א גאנצע וואך האבן זיי אים געהאלטן און ער האט גערעדט.

נאך דער וואך האט מען געדונגען דארטן א פירל, זונטאג - געדונגען א פירל ער זאל פארן קריק. האט מען זיך אנגעהויבן צו געזעגענען, מען האט זיך געזעגנט. האט מען זיך אזוי געזעגנט - אז זיי האבן געהייסן דאס פירל זאל אוועקפארן און ער איז געווען נאך א וואך - אזוי האט מען זיך געזעגנט...

דאס אנדערע מאל - נאך צוויי וואכן האט מען ווידער געדונגען א פירל, מען האט זיך ווידער געזעגנט און ווידער אפגעהאלטן א וואך - איז ער דריי וואכן געווען!

מען האט זיך דריי מאל געזעגנט! פרעגן זיי אים: ר' נחמן, פון וואנעט נעמט איר דאס אלץ - די דיבורים?

אפגעוועזן דריי וואכן - דאס איז דאך א קוואל - טאג און נאכט, מען האט אים נישט אפגעלאזט, ער האט דאך ארויסגעגעבן - דאס גאנצע ליקוטי הלכות האט ער ארויסגערעדט פון זיך, ער האט געהאט וואס צו רעדן, 'פון וואנעט נעמט איר די דיבורים, ר' נחמן?'.

(ענה להם:) אויפן בוידעם ליגן די כתבים פון 'ליקוטי הלכות', זיי שימלען שוין, מען האט נישט פון וואנעט צו דרוקן זיי - און דאס איז די דיבורים וואס איך רעד מיט אייך - דאס איז אלץ פון די ליקוטי הלכות!

האבן זיי ארויסגענומען א הונדערט רובל - דאס איז געווען (בשנת) תרי"ד, דאס איז שוין הונדערט מיט צוואנציג יאר צוריק! דעמאלט הונדערט רובל, איז געווען א פארמעגן!

(והוסיפו:) 'אז איר וועט אנהויבן דרוקן וועלן מיר געבן נאך הונדערט רובל! און אז איר וועט ענדיגן - נאך הונדערט! האט איר קודם דריי הונדערט רובל!'.

ר' נחמן האט דאס דערזעהן, איז ער אוועקגעפארן קיין טשעהרין מיט א געוואלד, 'געוואלד! נייע מענטשן גיבן אזא סכום געלט!!!'

האבן זיי זיך שוין געשעמט - און ביז תרי"ח האט מען אפגעדרוקט אלע ליקוטי הלכות'ער!

❖

(ר' נחמן בורשטיין: ר' יצחק בער[ב] האט שוין דעמאלט נישט געלעבט?) אויך נפטר געווארן י"ד. ער איז שוין געווען אין טעפליק.

❖

[ב] ר' יצחק בער מטעפליק ז"ל, אחיו של ר' יקותיאל, מחשובי תלמידי מוהרנ"ת ז"ל. היה יליד טירהאוויצע. והיה מחותנו של ר' נחמן טולטשינער - כדלקמן.

# געקאכט ווי א לאקאמאטיוו

אונזערע לייט פלעגן זאגן - ר' נחמן טולטשינער האט געדאווענט ראש השנה (שימש כבעל תפילה למוסף) - האבן זיי געזאגט: 'גאנץ ליקוטי הלכות איז געליגן אין זיין דאווענען!'

ר' נחמן האט געהאט אן עלטערער איידעם, ער האט געהייסן ר' יודל, ער איז געווען ר' יצחק בער'ס א זוהן, איך האב אים נאך געקענט. ער פלעגט זאגן: 'איך פלעג דעם שווער אונטערהעלפן' - ער האט אונטערגעהאלפן דעם שווער, ער איז געשטאנען ביים עמוד, ער איז געווען א משורר, ער האט אים אונטער געהאלפן.

האט ער געזאגט: 'דער שווער איז געשטאנען ביים עמוד אזוי ווי א לאקאמאטיוו' - דאס איז דער ערשטער וואגאן וואס פירט דארטן די גאנצע באן - איז דארט א געוואלדיגע היץ - 'איז דער שווער געשטאנען אזוי ווי א לאקאמאטיוו' - 'אזוי האט דער שווער געקאכט!' עס האט געקאכט א פייער אין אים - אזוי האט ביי אים געברענט.

פלעגן זאגן אונזערע לייט: 'דער גאנצער ליקוטי הלכות ליגט אינעם דאווענען!'

(רנ"ב: ער איז דאך אראפגעפאלן פונעם באנק, ר' נתן בייטעלמאכער) יא![ג]

ער איז געווען פופצן יאר אן איידעם ביי ר' נחמן טולטשינער, דער אלטער נתן[ד].

(רנ"ב: ר' נחמן פלעגט טאקע רעדן אזוי פיל?) ער איז געווען אזא מין רעדער אזוי ווי א קוואל - אז דער גאנצע ליקוטי הלכות האט פון אים גערעדט...

איינער איז א בקי – דאס איז א אנדערע בקיאות, א בקי וואס ליגט אין 'הארץ' און עס ליגט אין 'מח'! אז ער האט זיך צורעדט פון ר' נתן'ען האט אין אים געקאכט א פייער! ער האט דאך געהערט פון ר' נתן'ען אליין דעם ליקוטי הלכות!

[ג] עי' שיש"ק (ישן) ח"ג, רח"צ: סִפֵּר רַבִּי נָתָן בַּיִיטְלְמַאכֶער בְּנוֹ שֶׁל רַבִּי פִּנְחָס יְהוֹשֻׁעַ זִכְרוֹנוֹ-לִבְרָכָה, שֶׁבִּהְיוֹתוֹ יֶלֶד קָטָן, לְקָחוֹ אָבִיו לְאוּמַאן לִקְבּוּץ אַנַ"ש בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, וּכְשֶׁשָּׁמַע אֶת רנ"ט פּוֹתֵחַ בְּשַׁאֲגַת אֲרִי לוֹמַר אֶת הַקַּאפִּיטְל "לְדָוִד מִזְמוֹר" הַנֶּאֱמַר בְּלֵיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָפַל לָאָרֶץ מֵרוֹב הַפַּחַד שֶׁנָּפַל עָלָיו!

[ד] אשתו היתה מלכה בת מוהרנ"ט, והתגרשו אחר שלא זכו לפרי בטן. והוא רצה לעלות לא"י והיא מיאנה. ובזו"ש נשא את גיטעלע הצדיקת (אשת ר' ישראל מקארדאן בזו"ר).

(רנ"ב: ר' נתן האט אים געפרעגט צו ער האט עפעס געשפירט ביים איבערשרייבן, פארן מדפיס זיין, האט ער אים געזאגט: יא, ער האט געהאט אזא התנוצצות) - ער האט געהאט אזא מין [התנוצצות] אז ער האט אוועקגעלייגט די פען - אינמיטן שרייבן האט ער געמוזט אוועקלייגן די פענע...[ה]

אזא מין סארט געפיל (היה לו) אז ער האט געמוזט אוועקלייגן די פען און איבעררהאקן דעם שרייבן, אה!

❖

אזעלכע מענטשן ווי ר' סנדר[ו] איז געווען, מען קען גארנישט אויסמאלן ווער זיי זענען געווען (גדולתם ועבודתם) - דאס איז געווען כ"ו. אין כ"ו האבן זיי שוין (איבער)געבויעט דעם קלויז.

(רנ"ב: זיי האבן עס געמאכט ברייטער צו גרעסער?) איך ווייס נישט, מסתמא א ביסעלע ברייטער. (רנ"ב: דער דריטער קלויז וואס ר' אייזיק האט געבויעט איז געווען ברייטער) יא![ז]

און מען האט געבויעט - די צדקות זיינע איז געווען געוואלדיג. ר' אברהם שטערנהארץ האט געזאגט: אמאל, א פסח, איז אנגעקומען צו זיין טאטן דריי און

---

[ה] עי' כוכ"א שו"ס, מ"ז: וְשָׁמַעְתִּי מֵאִתּוֹ שֶׁבְּעֵת גָּמְרוֹ אֶת כְּתִיבַת סִפְרֵי לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת שָׁאַל אוֹתוֹ פַּעַם אַחַת מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל: הַהִרְגַּשְׁתָּ בְּסִפְרֵי הִתְנוֹצְצוּת אֱלֹקוּת. וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: הָאסְט דוּ גֶעפִּילְט אִין מַיְינֶע סְפָרִים הִתְנוֹצְצוּת אֱלֹקוּת? וְהֵשִׁיב לוֹ: הֵן! וְהָיָה מְבֹאָר מִדְּבָרָיו שֶׁכַּמָּה פְּעָמִים בְּרֹב הַרְגָּשָׁתוֹ וְהִתְנוֹצְצוּת אֱלֹקוּת שֶׁזָּרַח עָלָיו, מֵחֲמַת זֶה הֻכְרַח לְהַנִּיחַ אֶת הַקֻּלְמוֹס מִתּוֹךְ יָדוֹ וְלִפְסֹק לְגַמְרֵי מֵהַכְּתִיבָה...

[ו] עי' מה שכתב אודותיו הרה"ח ר' שמואל הורוויץ ז"ל: "הר' סענדיר מטירהאוויצע ז"ל היה מגדולי אנ"ש ועוצם יראתו ועבודתו א"א לשער במוח והוא יסד החברה טרוצער שהיו העובדים מאנ"ש ממש שיצאו מגדר אנושי וא"א להעריך ולספר כלל עוצם התפשטותם מגשמיות ומס"נ בעבודתם והיו יוצאים בתחלת הקיץ ליערות ושדות ועוסקים יומם ולילה בהתבודדות והיו מזמרים אז בעת צאתם בניגון הידוע "עבר קציר כלה קיץ ועדיין לא נושענו" וכו'. הכלל, שענין עבודתם והתלהבותם א"א לשער. והר' סענדיר הראש שלהם הי' קודם איש פשוט. ופ"א בעת שהיה בחור זרק וכו' ואח"כ כשנתקרב לחסידות רבינו ז"ל ונתלהב מאד לעבוה"ש והי' יומם ולילה ביערות והרים ושדות בהתבודדות ותפילות בלי הפסק שמונה עשר שעות בנגינות השוברות הלב שמי ששמע ממנו אפי' הרשע היותר גדול נעשה בעל תשובה. וכשהי' צועק על ציון הק' באומאן היו שומעים מקצה העיר ועד קצהו. ופ"א נסעו הרב מטשעהרין ועוד הגדולים מאנ"ש והי' נסיעתם דרך היערות שבטרווצע ושמעו קול והלכו אחרי הקול והלכו סמוך להקול עד שהרגישו ממש התפשטות הגשמיות ממתיקות הקול וראו שהר' סנדר עוד ביערות וצועק "שנאתי השומרים הבלי שוא ואני אל ה' בטחתי" ואמר לעצמו בזה הלשון: "זאג סענדיר - 'שנאתי השומרים הבלי שוא' - אבער 'ואני אל ה' בטחתי'", וכן הפסוק "סעפים שנאתי ותורתך אהבתי" וכן "אם זכרתיך על יצועי" וכו' בניגונים המופלאים הידועים לנו בשם ניגוני אנשי טרווצי וכששמעו זאת ממש יצא לבם בקרבם. ואמר הרב מטשעהרין לשאר אנשים שנסעו עמו: כנראה שאנחנו מוכרחים כבר להתבייש ממנו "עס האט זו פנים אז מיר מייגען זיך שוין שיימען פאר איהם". והכלל כי א"א לשער בכתב מהותם ועבודתם. והר' אברהם ז"ל הי' נוסע על שבתות לר' סענדיר לראות עבודתו ולקבל ממנו!"

[ז] עי' שיש"ק הנדפמ"ח ח"ב, ערך 'הקלויז': 'בית שני' - מן אות תק"ל ולהלן.

צוואנציג רובל אויף פסח - צוריק מיט איבער הונדערט יאר, דריי און צוואנציג רובל אויף פסח, און נישט נאר אים אליין - פאר אלע ר׳ נתן׳ס קינדער [אייניקלעך] געשיקט!

און אין טירהאוויצע איז געווען א שאנק מיט שיך און א שאנק מיט קליידער - ניי, אלעס נייע זאכן, אז עס איז געקומען צו פארן אן ארעמאן האט מען אים געגעבן אפאר נייע שיך, א מלבוש, אפילו פאר די נשים האט מען אויך געגעבן אלעס, א געוואלד, א געוואלד! וואס זיי האבן אויסגעארבעט, וואס זיי האבן געטוהן.

עס איז גארנישט געווען (בדומה), זיי האבן אלע אונזערע לייט איבערגעוואויגן, די אלע גבירים - אן אפס אנטקעגן זיי, און זיי זענען גארנישט געווען קיין גבירים - זיי האבן געהאט פרנסה, אבער עס איז א געוואלד געווען וואס זיי האבן אויסגעארבעט, וואס זיי האבן געטאהן.

❖

(רנ״ב: ווער איז געווען ר׳ שמואל פיקסל?) ער איז געווען שוין אביסל בעל בתיש׳ער, ער איז געווען פארמעגליך א ביסל.

איך האב געזעהן אמאל א בוך (פנקס גביית כספים) פון ר׳ נחמן טולטשינער, אלץ: קבלתי מר׳ שמואל פיקסל, קבלתי מר׳ שמואל פיקסל, אלץ נאר געווען ר׳ שמואל פיקסל, ער איז געווען דער - קבלתי מר׳ שמואל פיקסל[ח].

(רנ״ב: ער איז געווען עפעס פון גזע פון רבי׳נס תלמידים?) ניין, אלץ נייע מענטשן.

(רנ״ב: ר׳ סנדר אויך?) אלץ נייע.

(רנ״ב: דער רבי האט דאך געהאט אין טירהאוויצע מענטשן!?) נישט דעם דור, דער רבי האט געהאט דער טירהאוויצער מגיד.

❖

צום סוף האט זיך אריינגעכאפט א מחלוקת פון זיי צו ר׳ נחמן טולטשינער, בקיצור - אין עטליכע יאר איז געווארן אוים טירהאוויצע, אוים טירהאוויצע איז געווארן![ט]

[ח] חותנו של ר׳ נתן ב״ר נחמן בן מהרנ״ת. היה הגבאי בחבורתו של ר׳ סענדיר מטירהאוויצע והוא אשר היה שולח את הכסף שנאסף בין אנשי החבורה להחזקת ביהמ״ד באומאן ולכלכלת ר׳ נחמן מטולטשין (גידולי הנחל).

[ט] עי׳ במכתבי ר׳ נתן בר״י מכבת ק״פ: ״ומאד בקשתי מאתך ומאת זוגתך תחי׳ שלא תהיו ח״ו מערבים בהמחלוקת ואפילו ח״ו מי שחולק עליכם תקבלו באהבה ותזכו לתשובה שלמה ושב ורפא לו ובפרט שעתה ב״ה חודש אלול שזמן תשובה

פלעגן אונזערע לייט זאגן: אלצדינג קען דער רבי סובל זיין – מחלוקת נישט! דאס נישט! דאס קען ער נישט סובל זיין!

(רנ"ב: ר' סנדר איז אוועק נאך פאר ר' נחמן'ען?) אוודאי, ער איז איז נפטר געווארן אין די למד'ן און ר' נחמן טולטשינער איז נפטר געווארן מ"ד.

(רנ"ב: פריער האט ער געזאגט - ר' סנדר [בתחילת התקרבותו בעת ששהה רנ"ט בטירהאוויצע כנ"ל] - אז דער 'נחל נובע מקור חכמה' שטייט -) איין ביי ר' נחמן'ען!

❖

## געטראגן די פאמעניצעס ביי ר' נתן'ען

עס איז געווען א ראש השנה, עס איז געקומען צו פארן ר' מאיר טעפליקער פון צפת, איז ר' סנדר צוגעגאנגען צו ר' מאיר'ן, ער האט זיך געוואלט מתנצל זיין פאר אים פארוואס ער קריגט, האט ער אנגעהויבן רעדן, זאגט ער (ר' מאיר) אים: 'ר' נחמן? ר' נחמן, ר' נחמן, ר' נחמן האט געטראגן די פאמעניצעס ביי ר' נתן'ען!' ער האט גארנישט געוואלט הערן פון אים.[י]

ער האט געטראגן די פאמעניצעס (מי שופכין), ער האט אוועקגעטראגן דאס שיסל וואסער ביי ר' נתן'ען, ער האט משמש געווען ר' נתן'ען - ער האט גארנישט געוואלט הערן, ער האט זיך צושריגן: 'ר' נחמן, ר' נחמן, ר' נחמן'.[יא]

❖

---

וא"א לזכות לתשובה כי אם ע"י בזיונות וישתוק וידום ובפרט המחלוקת בין הנשים שעי"ז נחרב ח"ו טראויצע וגם בימי האר"י ז"ל נתקלקלה הגאלה וע"י מחלוקת נשבר.

[י] עי' כוכ"א שו"ם נ"ח: וּפַעַם כְּשֶׁנִּתְעוֹרֵר מַחֲלֹקֶת מֵאַנְשֵׁי טִירָאוְוצֶע עָלָיו, וּבְעֵת הַקִּבּוּץ שֶׁהָיוּ בְּהַקְּלוֹיז כָּל אַנְשֵׁי טִירָווִיצֶע, וְגַם הָר' מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער הַנַּ"ל גַּם־כֵּן הָיָה כַּנָּהוּג. וּבִמְכֻוָּן הִתְחִילוּ לְדַבֵּר אוֹדוֹת הָרַב ר' נַחְמָן טוּלְשִׁינֶער לִשְׁמֹעַ מַה שֶּׁיֹּאמַר ר' מֵאִיר הַנַּ"ל. כְּשֶׁנִּתְעוֹרֵר ר' מֵאִיר לְהָשִׁיב דָּבָר, לֹא עָנָה כְּלוּם. כִּי אִם הִתְחִיל לִצְעֹק בְּקוֹל, הָר' נַחְמָן הָר' נַחְמָן, אַתֶּם יוֹדְעִים מִי הוּא ר' נַחְמָן? ר' נַחְמָן הָאט בַּא ר' נָתָן גֶעטְרָאגִין דִּי פָּאמֵיינִיצֶעס! (ר' נַחְמָן אֵצֶל ר' נָתָן סָחַב אֶת עֲבִיטֵי הַשּׁוֹפְכִין).

[יא] גם זה שם: (אָמַר הַמַּעְתִּיק, מִכְּתָבֵי ר' אַבְרָהָם אֵצֶל ר' מֵאִיר אַנְשִׁין זַ"ל) בְּסוֹף יָמָיו שֶׁל מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל שָׁאֲלוּ אוֹתוֹ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ מִי יְמַלֵּא מְקוֹמוֹ, עָנָה לָהֶם, דֶּער וָואס טְרָאגְט בַּא מִיר פֶּעמִינִיצֶעס (זֶה שֶׁסּוֹחֵב אֶצְלִי אֶת עֲבִיטֵי הַשּׁוֹפְכִין). וְכֵן הָיָה, שֶׁהָר' נַחְמָן מִטָּאלְטְשִׁין זַצַ"ל שֶׁהוּא הָיָה מְשַׁמְּשׁוֹ וְלֹא מָשׁ מִתּוֹךְ אָהֳלוֹ הוּא הָיָה כָּל הַמְמַלֵּא מָקוֹם, הוּא דָּר בְּאוּמֶין סָמוּךְ לְהַקְּלוֹיז בְּתוֹר גַּבַּאי וְחַזָּן גַּם מַשְׁגִּיחַ עַל הַנֵּר תָּמִיד עַל צִיּוּן רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ. וּמֵרֹב עַנְוְתָנוּתוֹ הָיָה מֻרְגָּל בְּפִי כֹּל לְקָרְאוֹ רַק בְּשֵׁם שַׁמָּשׁ דִּקְלוֹיז. וְכֵן חָתַם אֶת עַצְמוֹ "נַחְמָן שַׁמָּשׁ דִּקְלוֹיז". וְהוּא הָיָה כָּל הָעוֹסֵק בְּהַעְתָּקַת וְהַדְפָּסַת סִפְרֵי מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל.

(רנ"ב: איר האט דערציילט עפעס אז ר' נחמן טולטשינער האט זיך פאר איינעם געוואלט אויסרעדן)
**דאס איז עפעס אנדערש, דאס איז געווען ר' טובי' - ר' מאטל'ס** (ר' מרדכי באברינעצער'ס) **טאטע.**

**עפעס - ר' נחמן איז אראפגעגאנגען פונעם ציון ערב ראש השנה, ר' נחמן איז געווען זייער פארוויטאגט, גוטע פריינד זיינע - ר' סנדר און אלע... ער האט געוואוסט אז זיי זענען גדולים, צדיקים - און דא איז געווארן אזא מין מחלוקת...**

**און ר' טובי' איז אויך געווען א טירהאוויצער** (לפני שהתיישב בבאברינייץ) **- ער איז געווען אן איידעם ביי דעם ר' יקותיאל - ר' יצחק בער'ס ברודער; נישט קיין איידעם** (ממש) **- ר' יקותיאל האט מגדל געווען א יתומה און ער האט אים גענומען פאר אן איידעם.**

**ער איז געווען א טירהאוויצער, ער האט טאקע גדאווענט געשמאק - דער** (ר' טוביה)**, אה, זים האניג איז געווען זיין דאווענען, ער איז געווען א איד - זיבן און אכציג יאר - און אזוי גדאווענט געשמאק אזוי ווי [א יונגערמאן].**

**האט ר' נחמן געוואלט רעדן א ווארט פאר ר' טוביה'ן,** (ענה לו ר' טוביה:) **'ר' נחמן, איך וויל נישט הערן!'** (השיב לו ר' נחמן:) **'לאנג לעבן זאלסטו!'**

**אויך, מען זעהט באלד דעם אמת פון ר' נחמן טולטשינער, ר' נחמן האט זיך געוואלט אויסרעדן פאר אים, ר' טוביה וואלט אפגעווייטאגט אים, ער האט דאך געוואוסט פון וואס מען רעדט - זאגט ער: 'ר' נחמן, איך וויל נישט הערן!'** (ואעפ"כ ענה לו ר' נחמן:) **'לאנג לעבן זאלסטו!'.**

**לאנג לעבן זאלסטו וואס דו ווילסט נישט הערן!**

(השואל: ער האט געלעבט לאנג?) **יא!**[יב]

❖

**ביי אונזערע לייט האט מען קענען דעם דערמאנט 'בן עזאי בן זומא' - 'הציץ ונפגע הציץ ומת'** (שאע"פ שהיו צדיקים גדולים היה איזה שגיאה)**, אבער דערוויל איז געווארן** (כנ"ל) **- פלעגן אונזערע לייט זאגן: דער רבי קען אלצדינג סובל זיין, מחלוקת נישט! דאס קען ער נישט סובל זיין!**

[יב] נפטר כבן פ"ז שנים בכ"ד תמוז תר"פ

וואס דאס איז - אבי נישט קיין מחלוקת - וועט ער ארוים!

דער גרעסטער חוטא ופושע - אז מען האלט זיך צוזאמען און מען רעדט, וועט ער ארוים (דערפון)!

דעם רבי'נס זאך איז דאך רעדן צום אויבערשטן דיבורים - וועט ער ארוים! ער וועט ארוים (סוף-כל-סוף! אבער) 'מחלוקת' - דאס נישט!

(רנ"ב: אין אייער צייט איז גארנישט געוועזן טירהאוויצע?) אין מיינע צייטן איז געווען - ר' ישראל טירהאוויצער[ג] האט געוואוינט דארט, מער נישט, שוין, דאס איז דאס!

דעם רבי'נס שטאט געווען, דער טירהאוויצער מגיד איז געווען דארטן, עס איז געווען דעם רבי'נס מענטשן. דער רבי איז געפארן א שבת קיין טירהאוויצע - עס איז געווען פון די שבתים (קבועות בשנה), דער רבי איז געווען אין טירהאוויצע א שבת[ד].

און נאכדעם זענען אנדערע (מקורבים) געווען, נישט פון די פריערדיגע (ממקורבי רבינו ומוהרנ"ת) - אבער עס איז דאך געווען עפעס א זאך, עס איז דאך געווען עפעס א טירהאוויצע, עס האט דאך עפעס גע'שמ'ט טירהאוויצע – אוים!

מען חנפ'עט נישט קיינעם למעלה, מחלוקת איז ערגער פון אלעם!

❖

## חֲבוּר עֲצַבִּים

עס איז נאך נישט געווארן אזא זאך אז עס זאל ווערן איינגעזונקען - 'נבלע' ווערן אין דער ערד - אפילו א 'מחט של קורח' זאל איינגעזונקען ווערן אין דער ערד ווי דורך מחלוקת.

---

[ג] בנו של ר' חיים סטולר וחתנו של ר' נתן ב"ר יהודה מטבריה. בנערותו היה בן בית אצל ר' נפתלי תלמיד רביז"ל. עובד ה' גדול ובקי נפלא בש"ס, בכל שנה היה מסיים ש"ס, זוהר, שו"ע, מדרשים ועוד, היה ידוע כבעל מופת. נפטר בשנת תרפ"ב או תרפ"ג בהיותו בן למעלה מפ' שנים (גידוה"נ).

[ד] עי' חיי מוהר"ן קכ"ו: **ועוד שלש פעמים בשנה אמר תורה בקביעות. היינו שהיה נוסע לטשערין ולטיראוויצע פעם אחת בחורף וישב שם על השל"ס ואמר שתי פעמים תורה, היינו בשבת שירה ועוד איזה שבת, וגם בקיץ היה נוסע לשם אבל לא אמר תורה - רק פעם אחת בטשערין בשבת נחמו. כלל הדבר שאלו ששה פעמים הנ"ל היינו שלש פעמים בביתו ושלש פעמים בדרך, היה אומר תורה בקביעות. וחוץ מזה לא היה לו שום קביעות לאמירת תורה כי לא היה יושב עמנו על הסעודה שלישית כלל, רק באלו השבתים הנ"ל.**

מען קען זיי נישט צוגלייכן צו קורח, זיי זענען געווען צדיקים ביזן סוף, און זיי האבן חלילה נישט גערעדט אזעלכע דיבורים ווי (קורח). זיי האבן נישט גערעדט, נאר די זאך וואס זיי האבן זיך געהאלטן דארטן - שווין.

אלע האבן געהאלטן מיט ר' נחמן טולטשינער, קיינער האט זיי נישט געגעבן קיין גערעכט, קעגן ר' נחמן זענט איר נישט גערעכט!

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: אין וואספארא ענין?) עס איז געווען א קלייניקייט, זיי פלעגן דאך שיקן אלעם צו ר' נחמן'ען, אלעס, אי אויף די שול - אי אויף די (צרכי הבית). האבן זיי געזאגט אז ר' נחמן זאל פירן א חשבון; זיין הוצאה באזונדער, און די שול באזונדער. ר' נחמן האט געזאגט, אז ער קען נישט פירן קיין חשבון באזונדער.

האבן זיי גערעדט מיט ר' אבא'לען, מיט ר' אברהם בער'ניו'ן - מיט די גבירים אונזערע. האבן זיי אזוי געזאגט: 'ר' נחמן דארף עסן' - אמאל פלעגט זיין אין אוקריינע א 'קאשע מיט יוך' - אזוי איז געווען א מאכל.

'א קאשע מיט יויך דארף עסן ר' נחמן גלייך מיט אונז; און מאכן אסתר שיינדל'ען א קליידל - און מער פארטוהט ער נישט - וואס דארף ער געבן חשבון?!'

זעהסטו ווי אזוי זיי האבן געהאלטן פון ר' נחמן'ען? מער פארטוהט ער נישט! (אינו מוציא).

(זיי האבן געוואלט אז ער זאל האלטן) חשבון באזונדער, אבער וועדליג זיי (שאר הגבירים מאנ"ש) האבן געוואוסט ווער ר' נחמן איז, 'וואס דארף ער געבן חשבון? אז מיר זאגן אז ער דארף עסן גלייך מיט אונז און מאכן איר א קליידל און מער דארף ער נישט - מער פארטוהט ער נישט, איז וואס דארף ער געבן חשבון?!

דאס איז נישט קיין נפקא מינה פון וואנעט עס הויבט זיך אן, הויבן הויבט זיך עס אן פון א נארישקייט.

פון וואנעט האט זיך אנגעהויבן די מחלוקת פון קורח? דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו אז די אלע לויים דארף מען אויפהויבן, מען דארף זיי אפגאלן מיט א תער, מיט א [גאלמעסער] נישט מיט סתם א שערל, נאר מיט א תער.

מען האט גענומען קורח'ן, מען האט אים אפגעגאלט, [זיין ווייב] האט אים נישט דערקענט, [זי] האט נישט געוואוסט ווער ער איז.

(אמרה לו:) ווער האט דיר דאס געטוהן?

(השיב:) משה מיט אהרן האבן מיר אפגעגאלט, און מען האט מיך אויפגעהויבן!

אהרן איז געווען אזא בעל כח - זאגט די גמרא - אז אין איין טאג האט ער אויפגעהויבן צוויי-און-צוואנציג טויזנט אידן[טו]. און מען האט געמוזט אלעמען אפגאלן.

אזוי שטייט אין די תורה ['לא תקיפו פאת ראשכם'] - און דא מוז מען דיך (אינגאנצן) אפגאלן? שוין, אה, משה, זעה וואס ער האט געמאכט פון דיר, זעה וואס ער האט פון דיר געמאכט, איך האב דיר גארנישט דערקענט, שוין איז געווארן, געווארן...[טז]

און אז עס קומט - אז עס איז געבוירן געווארן א בכור - א בהמה, דארף מען אוועקגעבן דעם אייגענעם בכור; אז עס ווערט געבוירן א אינגל דארף מען אים געבן שקלים, מען דארף אים געבן תרומה, אלעס - ביז עס איז געווארן 'ויקח קורח' - מאכט דער תרגום: קורח האט זיך אפגעטיילט - 'ואיתפליג קורח', עס איז געווארן וואס עס איז געווארן[יז].

דא איז נישט געווען (כקורח ועדתו) חס ושלום, זיי זענען געווען צדיקים, זיי זענען דארט (בעולם העליון) אויך גרויסע מענטשן, אבער (כמו) בן עזאי בן זומא (שהיו ג"כ גדולים, ועכ"ז) אבער עס איז געווען א פגם.

❖

[טו] עי' ויקרא רבה כו, ט

[טז] עי' סנהדרין קי.; ובמדרש רבה במדבר יח, ד

[יז] עי' אוצר היראה ערך; מחלוקת ונצחון, אות ו': כָּל־אָדָם, אֵיךְ שֶׁהוּא, צָרִיךְ לִזָּהֵר עַל־כָּל־ פָּנִים מֵחָכְמוֹת, שֶׁלֹּא יִהְיֶה חָכָם בְּעֵינֵי עַצְמוֹ, כִּי הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם מַזִּיקִין מְאֹד מְאֹד, בִּפְרָט שֶׁבָּא עַל־יְדֵי־זֶה לִידֵי מַחֲלֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם, מִכָּל־שֶׁכֵּן כְּשֶׁחוֹלֵק עַל־יְדֵי־זֶה עַל יְרֵאִים וּכְשֵׁרִים מִמֶּנּוּ. וְיֵשׁ שֶׁאוֹמְרִים בְּפֶה מָלֵא: אֱמֶת שֶׁהוּא יְרֵא הַשֵּׁם וְטוֹב וְכָשֵׁר מִמֶּנּוּ, אֲבָל אַף־עַל־פִּי־כֵן אֵינוֹ מִתְנַהֵג כָּרָאוּי! לְפִי דַעְתּוֹ שֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו, כַּמָּצוּי זֶה הַרְבֵּה בְּכַמָּה בְּחִינוֹת. וְזֶה מַזִּיק לְכָל אֶחָד יוֹתֵר מִכָּל הָעֲווֹנוֹת, כִּי מַחֲלֹקֶת וְשִׂנְאַת חִנָּם קָשֶׁה מֵהַכֹּל, וְעַל־יְדֵי־זֶה נֶחֱרַב הַבֵּית־הַמִּקְדָּשׁ וְכוּ'. וְכָל־זְמַן שֶׁהָאָדָם שׁוֹמֵר אֶת עַצְמוֹ מִכָּל מִינֵי מַחֲלֹקֶת עַל הָאֱמֶת, וּמְבַטֵּל דַּעְתּוֹ נֶגֶד דַּעַת הַתּוֹרָה וְהַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, יֶשׁ־לוֹ תִּקְוָה לְעוֹלָם! יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה!... וְעִקַּר הַפְּגָם שֶׁל קוֹרַח, שֶׁהָיָה גָּדוֹל בְּמַעֲלָה מְאֹד, כְּמַאֲמַר רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל, וְנָפַל לִשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת עַל־יְדֵי שֶׁחָלַק עַל מֹשֶׁה - הַכֹּל הָיָה עַל־יְדֵי שֶׁעָמַד וְסָמַךְ עַל דַּעְתּוֹ וְהָיָה חָכָם בְּעֵינָיו, כַּמְרֻמָּז בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל, שֶׁחָרָה לוֹ וְאָמַר: לֹא דַי שֶׁהוֹצִיאוּ אוֹתִי מִכְּלַל כְּהֻנָּה וּמַתָּנוֹת, אֶלָּא שֶׁגִּלַּח רֹאשִׁי וְעָשָׂה אוֹתִי סָכָל! מִיָּד נִתְקַנֵּא עַל מֹשֶׁה לְעַרְעֵר. מוּבָן שֶׁעִקַּר הַקִּנְאָה הָיָה עַל־יְדֵי שֶׁהוּא רָצָה לִהְיוֹת חָכָם. (ע"פ ליקו"ה הל' נט"י לסעודה, הלכה ו, אות ז).

'ווי אזוי איר זענט, קען איך אייך סובל זיין - קען איך אייך געבן א תיקון, אבער קריגט זיך נישט! דאס נישט! האלט זיך (צוזאמען)!

חֲבוּר עֲצַבִּים[יח] [אֶפְרָיִם הַנַּח לוֹ] - אפילו 'עצבים' איז דאך עבודה זרה, 'הנח לו', אבי 'חבור'[יט].

❖

# העולם ראוי שיתמהו...

דער רבי האט דאך א זאג געגעבן א ווארט: "די וועלט קער זיך **פארוואונדערן אויף די אהבה וואס עס איז דא צווישן מיינע לייט!**"[כ]

איך האב עס געזעהן מיט די אויגן אין אומאן, די אהבה וואס איך האב דארטן געזעהן האב איך נישט געזעהן אין דער וועלט. איך בין געוואקסן געווארן צווישן חסידים; גראדזיסק, קאזשניץ, פיאסעצנא - אלץ געוועזן חסידים וואס זיי זענען געקומען צו גראדזיסק - רבי'ס מיט רבי'ס, אבער אזא מין אהבה וואס איך האב געזעהן ביי אונז, האב איך נישט געזעהן - דער רבי האט דאך אזוי געזאגט! און דא איז געוועזן אזא מין זאך! איך רעד נישט חלילה אויף די טירהאוויצער - צדיקים גדולים זענען זיי געוועזן!

מיר רעדן דערפון אויף לעובדא ולמעשה, רבי נתן האט דאך געזאגט: "ווען קען **איך זעהן 'כל הנגעים'[כא]? [- 'חוץ' -] אז איך וויל ארויס – 'מנגעי עצמו'!" אז איך** רעד כדי איך זאל זיך דערוייטערן דערפון, דעמאלט מעג איך רעדן דערפון, ווייטער טאר איך נישט רעדן דערפון, עס איז צדיקים!

מיר רעדן דערפון – ווי אזוי דעם רבי'נס זאך איז - אז איינער זאל נישט קוקן אויף יענעמ'ס עוולות. נישט קוקן אויף יענעמ'ס עוולות, קוק אויף זיך! ממילא וועט נישט זיין קיין קריגעריי.

---

[יח] הושע ד, יז

[יט] עי' מדרש רבה בראשית לח, ו: רַבִּי אוֹמֵר גָּדוֹל הַשָּׁלוֹם שֶׁאֲפִלּוּ יִשְׂרָאֵל עוֹבְדִים עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים וְשָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם, אָמַר הַמָּקוֹם כִּבְיָכוֹל אֵינִי יָכוֹל לִשְׁלֹט בָּהֶם, כֵּיוָן שֶׁשָּׁלוֹם בֵּינֵיהֶם, שֶׁנֶּאֱמַר: "חֲבוּר עֲצַבִּים אֶפְרָיִם הַנַּח לוֹ", אֲבָל מִשֶּׁנֶּחְלְקוּ מַה הוּא אוֹמֵר: חָלַק לִבָּם עַתָּה יֶאְשָׁמוּ. הָא לָמַדְתָּ גָּדוֹל הַשָּׁלוֹם וּשְׂנוּאָה הַמַּחְלֹקֶת, עיי"ש עוד. גם עי' בליקו"מ סי' ס"ב בסופו בהשמטות.

[כ] חיי מוהר"ן רצ"ב

[כא] ע"פ המשנה נגעים פ"ב, מ"ה: "כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו".

טאמער עס וועט זיין עוולות - דארף מען בעטן דעם אויבערשטן - 'ווי אזוי איך זאל יענעם זאגן; וואספארא לשון איך זאל יענעם זאגן' איך זאל נישט מבאיש ריח זיין[כב], עס זאל נאר זיין לחיים, אויף זיי מקרב צו זיין, עס איז א גאנצער לימוד, א לימוד!

דאס האט דער רבי געוואלט! און דאס דארפן מיר זעהן - יעדער איינער וואס ער וועט זיך קלעפן אין דער זאך, ער וועט זיך דערוויטערן פון קריגערייען - נעמט אים דער רבי אריין אין חדר און ער איז עוסק בתיקונו.

אבער זוך נישט קיין חסרונות אויף יענעם און קריג זיך נישט, וואו דו ביסט - דו וועסט פארראכטן ווערן! סוף כל סוף וועסטו האבן א תיקון! וועסט פארראכטן ווערן!

❖

## המחלוקת שקירבה הסתלקות האריז"ל

עס שטייט - איך האב עס געזעהן דא אין שבחי האר"י - אז די חבריא פון דעם אר"י הקדוש האבן געמאכט עפעס א באזונדערער בית, און די נשים זענען געווען א גאנצע וואך באזונדער - זיי האבן געהאט באזונדערע חדרים. זיי זענען געווען צוזאמען מיטן אר"י הקדוש א גאנצע וואך און פרייטאג צו נאכטס זענען זיי געקומען אהיים.

האבן זיך די וויבער געקריגט - די ווייבער אליין האבן זיך געקריגט איינע מיט די אנדערע, זענען די מענער געקומען אהיים פרייטאג צונאכטס האבן די ווייבער דערציילט די מענער, האט עס זיי עפעס רושם געווען, זאגט ער - אז דאס האט מקרב געווען דעם אר"י הקדוש'ס הסתלקות.

די ווייבער האבן נאך דעם דערציילט די מענער - האט עס אויף די מענער געמאכט א ביסל א רושם און עס איז נישט געווארן די אהבה וואס עס האט געדארפט זיין ביי די חבריא פונעם אר"י הקדוש - האט דאס דערלאנגט (עד כדי כך) אז דאס האט מקרב געווען די הסתלקות פונעם אר"י הקדוש[כג].

---

[כב] עי' ליקו"מ תניינא ח' בתחילתו

[כג] וז"ל שם: אחר כך עשה האר"י ז"ל הסגר אחד לאלו העשרה חברים, ותיקן חדרים לנשים והטף בפני עצמו באותה החצר של ההסגר עצמו. לסוף חמשה חודשים נפלה קטטה אחת בין הנשים בערב שבת, והנשים הגידו אותו לבעליהן, ונמשך עד שגם החברים נתקוטטו, והרב ע"ה תמיד היה מזהיר אותם על האחוה והאהבה שיהיה ביניהם תמיד שלום אהבה ואחוה, ובאותו היום עברו על דבריו בעוונות. ולעת ערב יצא עם החברים לקבל השבת, וחזר לבית הכנסת סר וזעף, וישב כל זמן התפלה באנינות. ומהרח"ו כשראה אותו באותו סגנון נבהל מאד, כי לא כן היה מנהגו לעשות כן. לאחר שסיימו הקהל התפלה, הלך ר' חיים אצלו ואמר לו, רבינו למה ראיתיך כל זמן התפלה הזאת באנינות ובמר נפש?

ווער איז געווען די חבריא פון דעם אר"י הקדוש? שרפים ואופנים, געוואלדיגע, שרפים ממש, די חבריא פון דעם אר"י הקדוש!

❖

דאס איז תמיד דער שבח פון ר' שמעון בן יוחאי - די אהבה וואס עס איז געווען ביי זיינע מענטשן, ביי זיינע תלמידים! די אהבה וואס איז געווען ביי זיי - דאס איז עפעס געוואלדיג! זיי האבן זיך געהאלטן! דאס האט (געהאט) א קיום עדי עד - דער זוהר הקדוש, עס קאכט זיך! פארוואס? ווייל עס איז געווען אהבה צווישן זיי[כד].

שאול המלך - 'כבן שנה במלכו' - 'כבן שנה לחשבון חטא'[כה], ווער שאול המלך איז געווען, א געוואלדיגע זאך. האט ער אנגעהויבן פירן א (שנאה) מיט דוד המלך'ן, אוים! ער איז געווען א מלך צוויי-מיט-א-האלבן יאר, אוועק, אוים! א געוואלד, מחלוקת נישט![כו]

דער אור הצדיק איז אזוי גרויס אז ער קען זיך נישט בשום אופן האלטן ביי איין מענטשן - וויפיל דער מענטש איז גרויס - סיידן מיט נאך מענטשן קען איך האלטן דעם אור הצדיק, אבער מחלוקת קען ער שוין נישט[כז].

---

אמר לו האר"י ע"ה מפני שראיתי בקבלת השבת הס"מ, ואמר זה הפסוק: "גם אתם גם מלככם תספו" (שמואל א' י"ב כ"ה), מכאן נראה שכבר נחתם גזר דין בעו"ה, ולא נחתם אלא בעבור קטטה שנעשה היום בין החברים, שכל זמן שהיה שלום ביניהם לא היה לו בית כניסה לקטרג! וכן היה בעוונותינו הרבים באותו זמן נתבקש בישיבה של מעלה מורנו ורבינו עטרת ראשנו ז"ל, וגם ה' חברים עמו, וחיי למר שבק..., עכ"ל שם.

[כד] כמ"ש בזוה"ק "אנן בחביבותא תליא" (פרשת נשא דף קכ"ח ע"א)

[כה] גמ' יומא כב:

[כו] עי' כוכ"א, ששון ושמחה, חידושין אות ט': גַּם מִי לָנוּ גָּדוֹל מִשָּׁאוּל הַמֶּלֶךְ שֶׁנֶּאֱמַר עָלָיו בְּעֵת מָלְכוֹ "בֶּן שָׁנָה" וְכוּ', וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל כְּבֶן שָׁנָה בְּלֹא חֵטְא, וְאַף־ עַל־פִּי־כֵן בְּעִנְיַן הַקִּנְאָה וְהַכַּעַס וְקַבָּלַת לָשׁוֹן הָרַע וְשִׂנְאַת חִנָּם נִכְשַׁל וְנִלְכַּד כָּל־כָּךְ עַד שֶׁמּוּבָא בְּסִפְרֵי אֱמֶת עַל פָּסוּק "עוֹד הַיּוֹם בְּנֹב לַעֲמֹד" - עַד הַיּוֹם עוֹמֵד הַחֵטְא הַהוּא (סנהדרין צה.).

[כז] עי' ליקו"ה נזיקין ה"ד, י"א: ובשביל זה מתו כ"ד אלף תלמידי ר"ע בימי העומר על שלא נהגו כבוד זה בזה ולא היה ביניהם אהבה וכו'. כי בודאי היו צדיקים, אך הפגם שלהם הי' שהלכו בתוקף מדת הדין והסתכל כ"א בחבירו על הרע שלו ולא הסתכלו על הטוב שבכל אחד ועי"ז היה ביניהם שנאה. ומחמת זה מתו בימי העומר דייקא שאז עיקר התיקון ע"י בחי' השערות הנ"ל שצריכין להסתכל על הטוב שבכל א' אפילו כחוט השערה שעי"ז יכולין לעשות ממנו כלי להמשיך השגות אלקות על ידו ג"כ, כי באמת להמשיך השגות אלקות צריכין כלים רבים כידוע. ע"כ צריכין לזה קיבוץ ישראל קדושים הרבה שיתקבצו יחד לדרוש את ה' ולבקשו. כי בכ"א מישראל יש בחי' נקודה טובה מה שאין בחבירו כ"ש במ"א. וזאת הנקודה טובה שיש בכ"א היא בחי' צנור וכלי שהצדיק ממשיך על ידו השגות אלקות! וע"כ לא היה אפשר לקבל את התורה כ"א כשהיו ששים רבוא יחד! וכו'. והעיקר שיהיה ביניהם אהבה ואחדות בחי' אהבת החברים שעיקר קבלת התורה היא עי"ז וכו'. ועיקר האהבה ע"י השערות הנ"ל ע"י שאין מסתכלין על הרע שבחבירו רק משתדלין בכל כחו למצוא בו טוב! אפילו אם נדמה לו שרעתו רבה אעפ"כ יחפש ויצא בו שערות טובות עכ"פ! כנ"ל. וע"כ תלמידי ר"ע שפגמו בזה ע"כ מתו בימי העומר דייקא כנ"ל. ורשב"י היה התיקון שלהם ע"כ אמר: "אנן בחביבותא תליא!" היינו כנ"ל.

(כמו שלפעמים) עס איז אזעלכע דא וואס רחמנא לצלן גייט אויף זיי איבער יסורים אזוי דארטן (שלפעמים נתדרדר למצב כזה עד שאומר האדם לעצמו) - ניין דאס וויל ער מער נישט ליידן, (כמו כן) דארף מען איינ'חזר'ן זיך, יעדער זאך קען דער רבי סובל זיין - מחלוקת נישט! דאס קען ער נישט סובל זיין!

דער מענטש פארגעסט זיך אינגאנצן, וויבאלד ער פירט מחלוקת, ער קען שוין גארנישט זיין קיין מושל אויף זיך, ווי קען ער גאר אינזינען האבן זיך? ער פירט גאר א ענין פון א קריגעריי, ווי קען ער אינזינען האבן באמת זיך? אים דאכט זיך ער האט זיך אינזינען - עס איז אפגענארט, ער האט גארנישט אינזינען זיך.

רבי נתן האט גוט אויסגעקוקט דעם רבי'נס זאך, האט ער גוט פארשטאנען אז דעם רבי'נס זאך איז נאר תלוי אין אהבה. די אלע יסודות וואס עס איז דא ביים רבי'ן איז נאר דורך דעם ענין פון אהבה[כח].

עס איז ביי אונז אויך געווען (בזמננו באומן) כמה מאל וואס מען האט באלד געזעהן (אז מחלוקת טויג נישט), מען האט געכאפט קלעפ (מן השמים), געכאפט קלעפ...

דאס נישט, קריגן זיך – נישט!

❖

## פריער זעהט צו איר האט די מידות פון דעם בוים

דער רבי רעדט טאקע אין די מעשה[כט] - ווען מען גייט צום בוים; 'דער האט געזאגט מען זאל גיין דורך מזרח, דער האט געזאגט דורך מעריב'. פלעגן אונזערע לייט זאגן: דער רבי זאגט אין תורה ל"א - 'מזרח ומעריב' דאס איז דער 'נותן מיטן מקבל' - דער משפיע און דער מקבל! דער האט געזאגט א וועג פון 'מעריב' - אז מען זאל גיין אויף א וועג פון זיין א 'מקבל' - א עובד השם, מיט דעם וועג גיין צום בוים; און דער האט געזאגט, ניין - נאר זיין א משפיע - געבן צדקה, מיט דעם וועג וועל איך גיין צום בוים!

[כח] עי' חיי מוהר"ן אות רי"ח: רַק אַתֶּם תַּחֲזִיקוּ עַצְמְכֶם בְּיַחַד, אָז תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים, וְלֹא כְּשֵׁרִים בִּלְבַד אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיקִים וְטוֹבִים תִּהְיוּ.

[כט] מהשבעה בעטלירס, אצל יום החמישי

אט די צוויי וועגן נעמען זיך טאקע פון ר' רבי שמעון בר יוחאי און רבי ישמעאל - 'הרבה עשו ולא עלתה בידם' - אין חז"ל איז שוין דא צוויי וועגן[ל].

האט ער געזאגט - וואס קריגט איר זיך וואספארא וועג? זעהט פריער צו האט מען די מידות פון דעם בוים – אז נישט קען מען גארנישט צוגיין צו דעם בוים.

דער בוים האט דאך גאר דריי מידות דארטן: אמונה, יראה, ענוה - און 'אמת' איז דער שורש פון דעם בוים! 'זעהט צו איר האט די מידות פון דעם בוים!' פארוואס קריגט איר זיך פריער? אז מען קריגט זיך איז א סימן אז מען האט נישט די מידות פון דעם בוים!

נאכדעם האבן זיי אנגעהויבן הארעווען, זיי האבן באקומען די מידות - איז געווען צווישן זיי אהבה, און אייניגע האבן שוין געהאט די מידות האבן זיי געקענט צוגיין צום בוים, האבן זיי געווארט ביז אלע האבן זיך דערהארעוועט אויף די מידות און זיי זענען אלע צוגעגאנגען אויף איין וועג צום בוים, זיי האבן שוין נישט געקריגט זיך.

די קריג איז נאר געווען איידער מען האט געהאט די מידות – נאך דעם איז שוין געווארן איין וועג, אלע האבן מסכים געווען אז אויף דעם וועג דארף מען גיין צום בוים.

❖

## דריי כיתות חסידים

ביים רבי'ן איז דען געווען אלע מענטשן גלייך? ביים רבי'ן איז געווען סוחרים (לומדים, כל המינים).

[ל] כוונתו ששני דרכים האלו; אם להיות 'מקבל'; או 'משפיע' - מצינו כבר שנידונו בחז"ל בגמ' (ברכות דף לה ע"ב) על זה: "תנו רבנן 'ואספת דגנך' מה תלמוד לומר לפי שנאמר 'לא ימוש ספר התורה הזה מפיך' יכול דברים ככתבן, תלמוד לומר, ואספת דגנך - הנהג בהן מנהג דרך ארץ, דברי רבי ישמעאל. רבי שמעון בן יוחי אומר, אפשר אדם חורש בשעת חרישה וזורע בשעת זריעה וקוצר בשעת קצירה ודש בשעת דישה וזורה בשעת הרוח - תורה מה תהא עליה? אלא בזמן שישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית על ידי אחרים! שנאמר 'ועמדו זרים ורעו צאנכם' וגו' ובזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית על ידי עצמן שנאמר 'ואספת דגנך' ולא עוד אלא שמלאכת אחרים נעשית על ידן שנאמר 'ועבדת את אויביך' וגו'. אמר אביי, הרבה עשו כרבי ישמעאל ועלתה בידן, כרבי שמעון בן יוחי ולא עלתה בידן!"

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: 'ביי מיר איז דא דריי כיתות חסידים, א כתה וואס קומען כאפן שיריים, א כתה וואס קומען הערן תורה, א כתה וואס זענען מיר איינגעבאקן אין הארץ!'.

איז דאך געווען ביים רבי'ן כיתות חסידים, נישט אלע זענען געווען גלייך.

אבער דאס איז אלץ גערעדט געווארן - יעדער איינער פאר זיך דארף וויסן אז אפילו איך קום נישט צו צו יענעמ'ס עבודה, איך בין טאקע ווייט פון יענעם - דאס איז א באזונדערע זאך; אבער צום צדיק, קעגן התקרבות צום אמת'ן צדיק - זענען אלע גלייך; דער איז א צווייג, דער איז א בלעטעלע, א בלעטל פון א בלעטל, אבער אלץ איז פון איין שורש, און אז עס איז אלץ פון איין שורש, ווי קענסטו זיך קריגן? דו מוזט דאך אנקומען צום שורש!

קורח איז אזוי גרויס געווען, ער איז געווען פון די נושאי הארון[לא], ער איז געווען פון קהת, אכט מענטשן האבן געטראגן דעם ארון, ער איז געווען פון די נושאי הארון, די העכסטע זאך.

'ויקרב אתך ואת כל אחיך בני לוי אתך ובקשתם גם כהונה?!'[לב] דו ווילסט זיין כהן אויך?! פון די נושאי הארון - די העכסטע זאך, ווילסטו זיין א כהן אויך?! און ער איז דאך געגאנגען מיט א (מהלך) ער האט יעדן איינעם איינגערעדט, דו מיינסט איך קוק אויף זיך? זעהט וואס ער האט געמאכט פון אונז, איך בין אייך געטריי. דער חולק זאגט דאך נישט אז ער מיינט זיך... איך בין דאך אייך געטריי, איך מיין דאך אייער טובה - זעהט וואס ער האט געטוהן.

❖

## קויף דיר א שערי ציון - וועט דיר ווערן לעכטיג!

מען האט גערעדט פריער פון טירהאוויצע - פון ר' יצחק בער'ן מיט ר' יקותיאל'ן[לג], זיי האבן נישט געקענט דעם רבי'ן, ר' יקותיאל איז געווען יונגער אסאך, אפילו ר' יצחק

[לא] מדרש רבה במדבר יח, ג

[לב] במדבר טז, ט-י

[לג] הוא ואחיו ר' יצחק דוב נולדו מברכתו של ר' יקותיאל המגיד מטירהאוויצע ונקרא על שמו

בער האט אויך נישט געקענט דעם רבי'ן. זייער טאטע איז גאר געווען א 'קירזשנער' - דאס הייסט 'א היטל מאכער'.

אז ר' יצחק בער איז אוועק קיין טעפליק (כנ"ל) - אין טעפליק איז געווען אזא מחלוקת אז מען האט נישט געקענט בשום אופן אויסהאלטן - האט מען ארויסגענומען ר' יצחק בער'ן, האט ער געמאכט (שלום), עס איז געווארן שטיל[לד].

אז ר' יצחק בער איז אוועקגעגאנגען קיין טעפליק האט ר' יקותיאל זייער געוויינט, דער ברודער פארט אוועק פון אים, האט ער אים געזאגט: **"קויף דיר א שערי ציון און שטיי אויף אלע נאכט חצות, וועט דיר ווערן ל-ע-כ-ט-י-ג!!" וועט דיר ווערן לעכטיג! אזוי האט ער זיך מיט אים געזעגנט! ער האט אים איבערגעלאזט דעם געזעגנהייט!**

[לד] עי' טעם זקנים קו' א': עס איז געווען אין די צייט פון די גרויסע התנגדות, איז געווען אין טעפליק א געוואלדיגע התנגדות, האט מען איהם ארויסגענומען (ר' יצחק בער) פון טירהאוויצע קיין טעפליק, האט ער געמאכט שטיל, אז ער איז געקומען איז געווארן שטיל, אפילו די מתנגדים האבן געהאט פאר איהם דרך ארץ. רבי יצחק בער ליגט טאקע אין טעפליק, ער איז געווען אזא מין ליבליכע מענטש, אז אלע מתנגדים האבן געהאט פאר איהם דרך ארץ, און ער האט טאקע געמאכט שטיל, ווען ער איז געקומען איז געווארן שטיל! זיי האבן איהם אזוי געזאגט; "ר' יצחק בער, ווען איר זאלט נישט זיין קיין ברסלב'ער חסיד, וואלט איר געווען א רבי אויף אלע רבי'ס"!

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **אהרן שמואל יאקאבאוויטש** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל נישואי בנו עב"ג מו"ה **יואל פריעדמאן** הי"ו
אחב"י קרית יואל
למזל טוב

מוה"ר **נתן פיש** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת נישואי הבת
למזל טוב

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה